Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פּרייז 30 גראָשען

היינט 24 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 262 | Łódź, Piątek, 11 listopada 1932 r. | צענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, פרייטאג, י"ב מרחשון תרצ"ג | № 262

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

זאַל פילהאַרמאָניע
נאַרוטאָוויטשאַ 20.

מיטוואָך, דעם 16-טען ליסטאָפּאַד, פּינקטליך 9 אָוונט, וועט פאָרקומען
איינאיינציגער רעליגיעזער קאָנצערט
# משה קוסעוויצקי
פון וועלט-בעריהמטען אויבער-קאַנטאָר פון וואַרש. סינאַגאָגע ר'
וועלכער וועט אויספיהרען תפלות, פאָלקס-לידער און אָפּערן-אַריעס פון זיין נייען רעפּערטואַר
ביים קלאַוויר: פּר' ליכטערמאַן-דאַווידאָוויטש
6069
בילעטען צום פּרייז פון 1,09 זל. שוין צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע טעגליך, פריה פון 11 ביז 2 אַ זייגער און נאָכמיטאָג פון 5 ביז 7 אַ זייגער.

דאס גאַנצע קולטורעלע לאָדז! טרעפט זיך מאָרגען, שבת, 11 פריה, אין טעאַטער „סקאַלאַ“ אויף דער איינציגער אין לאָדז פאָרשטעלונג
# הער לאַמבערטיער
(דאָס געשעהן פון געוויסען)
שפּאַנענדע דראַמע אין 3 אַקטען פון ל. ווערנעי
אויסגעפיהרט פון די קינסטלער-אַרטיסטען
אידא קאַמינסקא און זיגמונט טורקאָוו
די פאַרבליבענע בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון „סקאַלאַ“-טעאַטער.

## G. SZCZYBUK
ŁÓDŹ, ul. PIOTRKOWSKA 61
telefon 24-000.
קאָמיסיאָן-לאַגער
פון דער פעלץ-אויסאַרבייטונגס-פאַבריק
„FURS“, Wilno,
(S-ka B-cia Kirzner i D. Mickun)
אויף לאַגער: נוטריעטן, פערש. אָפּאָסעטן, שוואַרצע אַמעריקאַנער אָפּאָסן, וואלאבי, ברייטשוואַנצן, ביבעראַלן.

מיר עמפּפעהלען
## גלאָז, פּאָרצעלאַן, קרישטאַל
אינלענדישע און אויסלענדישע אין אַ גרויסען אויסוואַהל
צו ביליגע פּרייזען
## Warszawiak i Gurman
dawn. **ĆMIELÓW**
Łódź, Piotrkowska 31, tel. 156-89.

צוליב'ן טויט פון אונזער שעף
# נ. ע. משה חיים ראָזענצווייג
דריקען מיר דערמיט אויס די מיטאינהאַבער פון דער פירמע און דער פאַמיליע פון פער-שטאָרבענעם אינזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל.
דער פערשטאָרבענער איז געווען א מוסטער פון אַ שעף און א חבר צו זיינע אַרבייטער.
זאָל איהם די ערד גרינג זיין!
דאָס פּערסאָנאַל פון דער וואורשט-פאַבריק פון די פעראייניגטע בלויז כשר'ע פליישער אין לאָדז
(מיעלטשאַרסקיעגאָ 4)

אין טיפען צער טיילען מיר מיט, אַז נעכטען איז געשטאָרבען און צו קבורה געקומען איינער פון אונזערע טרייעסטע מיטגלידער
# נ. ע. משה חיים ראָזענצווייג
אין פערשטאָרבענעם פערלירען מיר אַן איבערגעגעבענעם און עהרליכען מיטאַרבייטער פון אונזער פירמע, זיין אָנדענקען וועט שטענדיג ביי אונז בלייבען אין זכרון.
זאָל איהם די ערד גרינג זיין!
קאָאָפּעראַטיווע וואורשט-פאַבריק
פון די פעראייניגטע בלויז כשר'ע פליישער אין לאָדז
(מיעטשאַרסקיעגאַ 4)
6917

## בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט האָבען מיר דעם כבוד מיטצוטיילען דער געעהרטער קונדשאַפט, אַז מיר האָבען ערעפענט אַן ערשטקלאַסיגען
דאַמען-שניידער-אַטעליר
ווי אויך ספּעציעל פון פעלץ-וואַרען א. ז. וו.
## J. LIEBHABER i I. ZYSMAN
אויף 8 קאַמיענא 8
און פיהרען אויס זעמטליכע בעשטעלונגען לויט די נייעסטע אויסלענדישע מאָדעלען צו זעהר ביליגע פּרייזען! .·. ערשטקלאַסיגע אויספיהרונג! רעיעלע און פּינקטליכע בעהאַנדלונג! .·. קומט און איבערצייגט אייך

DR. MED.
## B. WINDZBERG
כירורגיע
און פרויען-קראַנקהייטען
אַלעע 1-מער מאַי 16
טעל. 123-48
נעמט אָן פון 1—2 און 5—8

אַ קוועלע פון פרנסה
— איבערצוגעבען —
א שאַקאָלאַד - געוועלב
אויף ווסכאָדניאַ 26.
צו ערפאַהרען אויפ'ן אָרט
ביי „Nowość“

## צו דער עפענטליכקייט!
די אַלע, וועלכע זענען אויף אַ ביזוויליגען אופן ביי טעה און אַנ-דערע אַרטיקלען אָפּערירט געוואָרען דורך די ה"ה
אַדאָלף לאַנדסבערגער, וואָלטשאַנסקאַ 65
מיעטעק שעפּלער, ציגעל-גאַס 7
ווערען געבעטען אין זייערע אייגענע אינטערעסען צו קומען זונטאָג פון 12—1 ביטאָג אָדער 5—6 נאָכמ. 11 ליסטאָפּאַד 29, וו. 16, כדי געמיינזאַם אָנצונעהמען ענערגישע שריט.
8769
מיט אַכטונג מ. איזביצקי

אַדוואָקאַט
עדמונד
## מאַשקאָווסקי
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
פּיעטריקאָווער 106

פאַר גאָלד, בריליאַנטן, ביזשוטעריע
און לאָמבאַרד-קוויטען
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
איזידאָר פּיאַלקאַ, פּיעטריקאָווער 7

## דער יודישער פליישער-פעראיין
פּיעטריקאָווער 24
דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער שווערגעטראָפענער
פאַמיליע ראָזענצווייג צוליב'ן פריהצייטיגען
טויט פון אונזער אונפערגעסליכען מיטגליד
# נ"ע משה חיים ראָזענצווייג
שקאָלנאַ 13
המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואַלטונג.
8869

**Najlepsze w dobroci i najtańsze w cenie jest mydło „ROBOTNIK"**

**פעלץ=וואַרען** עמפפעהלט אין אַ גרויסען אויסוואַהל די נייעסטע מאָדעלען, פון די ערשטע קוועלען אמעריקאַ און קאַנאַדאַ צו די נידריגסטע פרייזן

**TYGER & GLATTER** פּיעטריקאָווער 43 און 29 טעל. 224-77 און 213-22


צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברו-דער און שוואָגער
**מאַניעק הערשקאָוויטש**
מיט פרל.
**צעלאַ בענעדיקט**
ווינשען זיי אַ הערצליכען מזל-טוב און פיל גליק.
בּרידער הערשקאָוויטש
טאַלאַ און איצעק ברונער

**האַלאָ! האַלאָ!**
**דאַ**
אויף דעם אָרט, וועלען קומענדיגען זונטאַג די לעזער געפינען
**אַנ'איבעראַשענדע**
**טעאַטער=**
**סענסאַציע!!!**
געדענקט=זשע, זונטאַג דאַ אויף דעם אָרט.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ח'
**משה הירשבערג**
מיט פרל. **נאַדזשאַ גרינבערג**
ווינשען מיר אַ הערציגען מזל-טוב און אַ גליק-ליכע צוקונפט
חברה „כנסת צעירים"
פּילסודסקיעגאָ 51
8969

**מזל = טוב**
אונזער חשוב'ן וויצע-פּרעזעס
**מ. ראָטשטיין און פרוי**
צום געבורט פון זייער ניי - געבוירען טעכטערל ווינשען אַ הערציגען מזל-טוב און אַ גרינגע דערציהונג
די פערוואַלטונג און מיטגלידער פון יודישען ספאָרט-קלוב „תל-חי"
1969

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין
**צעלאַ בענעדיקט**
מיט ה' **מאָטעל הערשקאָוויטש**
ווינשען מיר זיי אַ הערציגען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט. גלייכצייטיג ווינשען מיר אונזער ליבע עלטערען צו דערלעבען מיט'ן יונגסטען.
שוועסטער און שוואָגער אָרגאַנעק

## ענטשולדיגונג

דערמיט ענטשולדיג איך זיך פאַר דער פאַר-וואַלטונג פון מאַגאַזין-שניידער-מייסטער פאַראיין, פּילסודסקיעגאָ 12 און פאַר'ן
**ח' מאַקס בירענבערג**
פאַר מיין אונטאַקטישער האַנדלונג. אלס צייכען פון חרטה, שליס איך זיך אויס פון האַנדווערקער-פאַר-באַנד פּיעטריקאָווער 64 און פּצרזיכער, אַז להבא וועט מער אַזעלכעס נישט פאָרקומען.
**שלמה מאַפצוקער**, פּילסודסקיעגאָ 6
9769

**„לינת=הצדק"** לאָדז צעגעלניאַנאַ 17
דער פּיזיקאַליש **טעראַפּישער קאַבינעט**
איז טעגליך טעטיג פון 11–1 און 4–6 אָוועגד און געפינט זיך אונטער'ן אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר-ספּעציאַליסט. קוואַרץ-לאַמפּען, דיאַטערמיע, סאָללוקס, עלעקטרישע בעדער.

**LEKARZ DENTYSTA**
**T. SZATTLEROWA**
קילינסקיעגאָ 44, טעל. 215-97
**צאָהן - אַרצט**

**נייעס!** צו וואָס זאָלט איהר **שיך** זוכען בּיליגע צו ביליגע פרייזן, אַז אין דער פירמע **נייעס!**
**א. אגורעק, לאָדז**
**ul. Zawadzka 11**
בּעקומט איהר טייערע שיך צו בּיליגע פרייזען
געדענקט דעם אַדרעס: **A. OGóREK, ŁóDZ, ZAWADZKA 11**

1932 X 1922
איבעראַשענדע נייעס! אַ גרויסע פּרעמיע פאַר אַלע עלעגאַנטע הערען!
צוליב'ן 10-יאָריגן יובל פון ערשטקל. **הערן=שניידער=אַטעליער** פון
**א. ח. קוטשינסקי, 3 פּאָמאַרסקאַ 3** – לאָדז –
האָב איך בּעשלאָסען צו געבען אַ גרויסע פּרעמיע פון זונטאַג, דעם 6-טען נאָוועמבער ביז'ן 31-טען דעצעמבער 1932 פאַר די יעניגע וואָס וועלען זיך ביי מיר בּעשטעלען:
אַנ'אַנצוג, אַ פּאַלטען, אַ פּעלץ אָדער אַ סמאָקינג א.א.וו. מיט
**25 פּראָצענט בּיליגער**
די אַרבּייט ווערט אויסגעפיהרט לויט די נייעסטע אויסלענדישע מאָדעלען. רעיעלע בּעהאַנדלונג, פּינקטליכע אויספיהרונג. מיט אַכטונג
**Mistrz krawiecki A. CH. KUCZYNSKI, Łódź, Pomorska 3.**

## אַכטונג פּיש=סוחרים און פּיש=געוועלב-אינהאַבער!

זונטאַג, דעם 13. נאָוועמבער, 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון פיש סוחרים-פאַראיין פּאָמאָרסקאָ 18
**אַ דרינגענדע אויסערגעוועהנליכע פערזאַמלונג**
צוליב דער וויכטיגקייט פון דער טאָג-אָרדנונג, וואו עס וועט צווישען אַנדערס בּעטראַכט ווערען די קריטישע לאַגע אין דער פיש-בּראַנשע ווערען אַלע פּיש-סוחרים און פיש-געוועלב-אינהאַבער געבעטען צו קומען פּינקטליך צו דער פערזאַמלונג.
**די פערוואַלטונג**
**פון פיש=סוחרים-פאַראיין**
פּאָמאַרסקאַ 18.

## אַכטונג אַכטונג

מעגער = מאַגאַזין = שניידער = מייסטער
(פּאַלטען, מאַרינאַרקעס, פּאַרלעך, קינדער)
שבת, דעם 12.11 6 אָוועגד קומט פאָר אין לאָקאַל פון מאַגאַזין-שניידער-מייסטער פאַראיין, פּילסודסקי 12
**אַ גרויסע פערזאַמלונג**
אויף וועלכער ס'וועט צווישען אַנדערע פראַגען בּע-האַנדעלט ווערען די שטייערן און פּאַטענטען-פראַגע.
צוליב דער וויכטיגקייט פון דער זאַך, ווערען אַלע מיטגלידער געבעטען פּינקטליך צו קומען.
די פערוואַלטונג
6979

## אַלע יודען,

שפּילען אין דער פּאָפּולערער קאָלעקטור פון
**S. PASSIERMAN**
פּיעטריקאָווער 13, טעל. 242=13
פערשפּעטיגט נישט! צו קויפען לאָסען צו דער 1. קלאַס פון דער 26-טער מלוכה-לאָטעריע.
דאָנערשטאָג, ד. 17. ד. ח. קומט שוין פאַר די ציהונג פון דער 1-טער קלאַס און וועט דויערן 5 טעג.
הויפּט-געווינס אַ מיליאָן זל. גלייך פון ראַד.
געדענקט, אַז אונזערע לאָסען בּרענגען גליק!

**אויגען-קליניק**
מיט שטענדיגע בּעטען פון
**Dr. B. Donchin**
פּיעטריקאָווער 90, טעל. 221=72
נעהמט אָן שטענדיגע אויגען-קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א.ז.וו.), ווי אויך אַמבולאַטאָרישעס פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אָוועגד.
1604

**פערטרויענס=פּאָסטען**
אַ גרעסערע פירמע וועט אין אַלע ערטער איינ-ריכטען אַ לאַגער. ענטשפּרעכענדע פּערזאָנען ווערען דערצו אַלס פיליע=לייטער(רין) געזוכט בּיי אַ חודש געהאַלט פון 600 רייכס-מאַרק. פול-שטענדיג נייע פּערקויפס-מעטאָדען.
אָפּערטען Postschliessfach **323, in Kassel** (Deutschland).
5989

Stroskanej **Rodzinie FELDMAN**
z powodu przedwczesnego zgonu Ich ukochanego syna
**B. P. MAJERA**
wyrazy najgłębszego współczucia wyrażają
**Koledzy i Koleżanki.**
0169

## מעלדונג.

אויף די פיל אָנפראַגען פון די עלטערן אין לאָדז, און פון דער פּראָווינץ זענען מיר מודיע, אַז אין אונזער פּאָרמיטאָג=שול זענען שוין אַלע קלאַסען בּעזעצט.
דאַגעגען איז נאָך פריי אַ בּעגרעניצטע צאָהל פּלעצער אין דער
**שול פאַר האַנדעל און ווירטשאַפט**
און אויך אין דער נאָכמיטאָג=שול אין אַלע קלאַסען.
**מיט גרויסע הנחות**
די לייטונג פון די „בית=יעקב"=שולען
אין לאָדז שרודמיעסקאַ 32 טעל. 170-28

**לייענט** און פערשפּרייט דעם **„נייעם פאָלקסבּלאַט"**

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

בײלאַגע צום נייעם פאלקסבלאַט נומער 262 פרייטאג, דעם 11 נאוועמבער 1932




## דאס נייע סיים-שילדער



פראיעקטירט פון „קונדס-רעדאקטאר"



## א קאפעלע פאָליטיק
### ביז מנחה-למעריב

ודערקלער מיר, וואָס איז אייגענטליך דער חי־לוק פון הובערן ביז רוזוועלט׳ן?

— דער חילוק איז... אין די נעמען.

— אָבער דאָך געהער דאָך יעדער פון זיי צו אַנדערע פאַרטייען.

— אוודאי, איינער געהער צו אַמעריקא און דער אַנדערער צו די פעראייניגטע שטאַטן.

צווײ זאַכען האָט געטון די איצטיגע רעגירונג.

— דהיינו?

— זי האָט אַבאַליזירט די וואַלוטע — און דעם ...ידים.

דאָס רופען אַ געוועהנליכע סיים-סעסיע, איז די אונזערע בעווינגונ׳ען אַנ׳אויסער־געוועהנליכע ע־רייגונג.

אַמאָל האָט מען געזאָגט: צוויי מאָל גיט דער, וואָס צאָהלט באַלד. — היינט זאָגט מען: צוויי מאָל צאָהלט דער, וואָס צאָהלט באַלד.

## לשון הרע
### מ׳זאגט אַז:

...י לאָדזער אַרבייטער און אנגעשטעלטע, האָ־בען נאָך די לעצטע לוינען־רעדוקציעס בדעה אַר־דאַפצובריענגען גאַנדהין אַלס הויפט־אינסטרוקטאָר, וועלכער זאָל זיי געבען אַ הונגער־לעקציע.

די סיטואַציע אין מסחר פערבעסערט זיך גנקט אַזוי ווי דער געלאָמטער אַספאַלט־ברוק אויף דער פיעטריקאווער גאַס.

## ביטער-בלעטער
### געקליבענע ווערטלעך

...אס האָרץ איז אַזוי ווייט פון קאָפּ — און נאָך פערשטעלט עס די אויגען.

דער וואָס זעהט די וועלט, הייסט נאָך נישט קיין חכם, אַ חכם איז דער, וואָס די וועלט זעהט איהם.

ווער ס׳שעמט מיט אַ חלף איז אַ שוחט — ווער ס׳שעכט אָהן חלף, איז אַ דיפּלאָמאַט.

## א נייער טאַלענט
### אונטערגעהערטער שמועס אין דער טעאַטער-קאַנצעלאַריע

דיר. שטאקפעדער (צו אַ נייער יונגער אַר־טיסטקע): איהר זעהט שעהן און יונג, איהר האָט אַלע מעלות פאַר דער סצענע.

יונגע אַרטיסטקע: יאָ, איך פיהל מיך ווי גע־בוירען צו אַ ראָל פון אַ פרוי, וואָס פערראַט איהר מאַן אויף אַ שענדליכען אופן.

דירעקטאָר: פון ווען אָן, האָט איהר אין זיך אַנטדעקט דעם טאַלענט?

אַרטיסטקע: זייט איך האָב חתונה געהאַט...

## זי ווייסט בעסער...

מוטער (צו דער טאָכטער): די ווייסט סאַלטשע־לע, דו דאַרפסט מיט הייבען אַ שמועס־טון ווע־ען חתונה. ס׳איז שוין די העכסטע צייט.

טאָכטער: ביז אויף דער „העכסטע" צייט וועט נאָך געדויערן גאַנצע 5 חדשים....

## אבער א חזיר!
### א יוד און א היטלעריסט אין א דאנציגער צוקערניע

אין אַ צוקערניע אין דאַנציג, קומט אַריין אַ יודישער הויזירער מיט גאַלאַנטעריי־סחורה. צוויי שטען אַבדערע איז דער יוד אויך צוגעגאַנגען צו אַ טישעל, ביי וועלכען ס׳איז געזעסען אַ היטלעריסט, און איהם פאָרגעלעגט אַ פּאָר ברילען.

דער היטלעריסט האָט אָנגעמאָסטען די ברי־לען און זיי שפּעטער דעם יוד צוריקגעגעבען.

— ניין, די ברילען טויגען נישט — האָט זיך געקרימט דער היטלעריסט.

— פאַרוואָס? האָט דער יוד איהם געפרעגט. די ברילען זענען דאָך זעהר גוטע.

— איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז — האָט דער היטלעריסט געזאָגט — אין יודישע ברילען אויף וואָס איך זאָל נישט קוקען זעה איך אַ חזיר.

דער יוד האָט דאַן אָנגעמאָסטען אויף זיך די ברילען און קוקענדיג דעם היטלעריסט גלייך אין פנים אַריין, האָט דער יוד מסכים געווען:

איהר זענט גערעכט. איך זעה אויך אַ חזיר, און וואָס נאָך סאַרע חזיר!...

## דער טאטע האט אויך נישט געהאט קיין קינדער
### א חסידישער יונגערמאַן ביים רבי׳ן

צום ר. רבי איז געקומען אַ יונגערמאַן.

— רבי, האָט דער יונגערמאַן מיט אַ ציטער־דיגע שטים געזאָגט — כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל נישט האָבען קיין קינדער.

— ווי־לאַנג ביזטו נאָך דער חתונה? האָט איהם דער רבי געפרעגט.

— 3 חדשים.

— און פון וואַנען ווייסטו, אַז דו וועסט נישט האָבען קיין קינדער?

— וויל מיין טאַטע האָט אויך נישט געהאַט, קיין קינדער?

— און פון וואַנען ביזטו?

— איך בין פון צווייטען וייב, האָט דער יונ־גערמאַן געענטפערט.

## טעאטער-פליאטקעס
### לאלא פאַלמאַן

ווען דער טאַלאַנטירטער זינגערין פון דער „יודישער באַנדע", לאלא פאַלמאַן, דערצעהלט מען, אַז זי איז אַזאַ פרומע, אַז ווען זי איז אַנגעקומען היינטיג געוואָרען, און דער דאָקטאָר האָט איהר געוואָלט אַריינקוקען אין האַלז, האָט זי איהם דער־לאַנגט אַ פליישיגען לעפעל...

## לאָדזער חתונה-אויטאמאַט




אין לאָדז געהט איצט אַלץ אויטאָמאַטיש. אַפילו חתונה האָט מען אויטאָמאַטיש — מ׳לאָזט אַריין אַ יונג פאָרפאָלק, און עס שפרינגט אַרויס אַ פערטי־גער... גט.

## א לאָדזער רעדנער
### וואס ער רעדט פאר׳ן עולם

זאָג מיר, האָסטו שוין אַמאָל גערעדט פאַר אַן עולם?

— יאָ, און טאַקע ערשט מיט צוויי וואָכען צוריק.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— כ׳האָב אַ „אַדוור" און רעדט מיר אַלע צום דאַשעק.

## היינטיגע קינדער

דער אַלטער זיידע שטעהט מיט זיינע אייניק־לעך פאַר אַ שויפענסטער מיט שפּיל־צייג.

— איהר זעהט קינדערלעך דעם באָטשאַן? פונקט אַזעלכער, וואָס האָט אייך געבראַכט אויף דער וועלט.

דערויף רוימט די קליינע מירקעלע אין איהר ברודערל אויפ׳ן אויער:

העניושעק, לאָמיר דעם זיידעשי זאָגען דעם גאַנצען אמת. ער קען נאָך שטאַרבען און מיינען טאַקע, אַז ס׳איז אַזוי....

## זיין יחוס

כ׳האָב געהערט, אַז דו שטאַמסט פון אַ יחוס־פאַמיליע, איז דאָס אמת?

— געוויס! מיין עלטער־עלטער־עלטער־זיידע איז געווען דער בערימטסטער שיף־קאַפּיטאַן אין זיין צייט.

— אַזוי? ווי האָט ער געהייסען?

— נח.





אויבען רעכטס: גען. ליצמאַן (היטלעראָוויעץ), דער עלטסטער דעפוטאַט וועט עפענען דעם נייעם רייכסטאַג.



איבערזייט רעכטס: גען. עסטרייכישער פרעזידענט האַיניש, 73 יאָ. איז שווער קראַנק געוואָרען.



אונטען רעכטס: דיכטער געהאַרד הויפּטמאַן און זיין פרוי. פערלאָזען דעם וואַהל־לאָקאַל.

אויבען: אין פולען ווינטער. בילד פון אַ צוג אין איינעם פון די שטאַטען אין צפון־אַמעריקא.





אונטען: דער פאָטסדאַמער באַהנהאָף אין בערלין, איז איצט אַלט געוואָרען 60 יאָהר. אויבען — דער באַהנהאָף אין זיין איצטיגען אויסזעהן, אונטען — מיט 60 יאָהר צוריק.







אויבען: ענטהילונג פון אַ דענקמאַל פאַר די קרבנות פון דער גרובען־קאַטאַסטראָפע אין אַרלסדאָרף, אין 1930. בעת דער קאַטאַסטראָפע זענען אומגעקומען 272 אַרבייטער.





אונטען: בילדער פון דער גרויסער פערפלייצונג אין צפון־בעלגיען.

אויבען לינקס: בעסטע ענגלישע פילם־שוישפילערין גרעיס פיעלדס איז אַמאָל געווען אַ גאַסען־זינגערין.



איבערזייט לינקס: אַנטאָן לווענהעק, ערפינדער פון מיקראָסקאָפּ, צום 300־סטען יאָרטאָג פון זיין געבורט.



אונטען לינקס: אויסטריין מיניסטער גוי־אַט אין וואַהל־לאָקאַל.



אויבן רעכטס: פאַנטאַסטישע געביידעס אויף דער וועלט־אויסשטעלונג אין טשיקאַגאָ 1933. די פּאַוויליאָנען פון די צפון־אַמעריקאַנישע לענדער.



אינדערזייט רעכטס: דער גרעמיער פון בייערן העלד — צום קאָנפליקט צווישן בייערן און דער רייכסרעגירונג.

אונטן רעכטס: צום 300־טן יאָהרצייט פון קעניג גוסטאַוו אַדאָלף. גוסטאַוו אַדאָלף אויפ'ן טויטן־בעט. בילד פון פ. דייק.

אונטן אינדערמיט: דער ענגלישער קרוינפּרינץ (מיט'ן פּאַפּיר אין האַנט) ווערט פייערליך אויפגענומען אלס מיטגליד פון דער קויפמאַנשאַפט פון דער לאָנדאָנער סיטי.







אויבן: דער פּאַנצער־קרייצער „דייטשלאַנד" איז שוין כמעט אינגאַנצן פערטיג.









אויבן לינקס: מוסאָליני (ערשטער לינקס) און זיינע מיניסטאָרן פאַר'ן קבר פון אומבעקאַנטן זעלנער.



אינדערזייט לינקס: פרוי מאַריאַ קירי־סקלאָדאָווסקאַ די גרויסע געלעהרטע, ערפינדערין פון ראַדיום, איז אַלט געוואָרן 65 יאָהר.

אינדערמיט: געהאַרט הויפּטמאַן, דער באַרימטער דייטשער דיכטער און דראַמאַטורג, ווערט אַלט 70 יאָהר. לינקס: איינע פון די לעצטע אויפנאַהמען פון דיכטער, רעכטס — הויפּטמאַן אין עלטער פון 32 יאָהר ווען ער האָט געשריבן זיין „ביבערפּעלץ" און „האַנעלע".

אונטן לינקס: דער קינפטיגער אַמעריקאַנער פּרעזידענט רוזוועלט (לינקס) מיט זיין פאַמיליע.



